**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט באגנאדיגונג פאר דרייצן מענטשן**

***זעצט פאר צו אויספירן צוזאג צו שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס באמיאונגען צו רעפארמירן די באגנאדיגונג פראצעדור, ארייַנרעכנענדיג דאס צוזאמברענגען א ראטגעבנדע פאנעל פון אומפארטייאישע עקספערטן, צולייגן נאך איינגעשטעלטע און פארמערן קאמוניקאציע מיט אפליקאנטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט געשאנקען באגנאדיגונג אין די פארעם פון א פארדען פאר 13 מענטשן. די שריט אנערקענט מענטשן וואס ווייזן ארויס חרטה, זענען א מוסטער פון ערהוילונג און ווייזן ארויס א פארפליכטונג זיך צו פארבעסערן אליין און צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס. נאכ'ן איינפירן פראצעדור רעפארמען צו פארשטערקערן די באגנאדיגונג פראצעדור, האט גאווערנער Hochul (האקול) באגנאדיגט א סך הכל פון 107 מענטשן דורכאויס איר צייט אין אפיס.

"ווען איך בין אריין אין אמט, האב איך צוגעזאגט צו רעפארמירן די באגנאדיגונג פראצעדור דורך ברענגען מער דורכזיכטיגקייט און עקספערט אנאליזירונג צו יעדער קעיס וואס קומט אן צו מיין טיש," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "נאך עס דורכטראכטן פארזיכטיגערהייט, טוה איך שענקען באגנאדיגונג פאר דרייצן מענשטן וועלכע האבן ארויסגעוויזן חרטה איבער זייערע אויפפירונגען און וועלכע זענען א ביישפיל פון פארפליכטונג צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס."

די גאווערנער'ס אפיס האט אונטערגענומען א רייע שריט צו פארמערן די דורכזיכטיגקייט און קאמיוניקאציע דורכאויס דעם באגנאדיגונג פראצעדור. די עקזעקיוטיוו קלעמענסי ביורא האט איינגעפירט א נייע פאליסי פון שיקן רעגלמעסיגע בריוון צו מענטשן מיט קלעמענסי אפליקאציעס, זיי צו אינפארמירן וועגן זייער קעיס סטאטוס, און צושטעלן אינפארמאציע איבער ווי אזוי צו ארייננגעבן נאך אינפארמאציע אין שטיצע פון זייערע אפליקאציעס. די גאווערנער'ס אפיס איז אויך ארויסגעקומען מיט א פארבעסערטע וועבזייטל וואס העלפט באגנאדיגונג אפליקאנטן מיט דעם אפליקאציע פראצעדור; די וועבזייטל רעכנט אריין גרייטע נוסחאות פאר באגנאדיגונג אפליקאציע בויגנס, סיי פאר א פארדאן און סיי פאר אורטייל פארקערצערונגען, כדי צו גיבן פאר צוקונפטיגע אפליקאנטן בעסערע אנווייזונגען איבער וועלכע אינפארמאציע צו אנגעבן ווען זיי אפלייען.

די גאווערנער האט אויך צוזאמגערופן א באגנאדיגונג אדווייזארי פאנעל וואס באשטייט פון אומפארטייאישע עקספערטן צו ארויסהעלפן מיטן ראטן די גאווערנער איבער באגנאדיגונג אפליקאציעס. נאכפאלגנדיג רעקאמענדאציעס פון די קלעמענסי עדווייזארי פאנעל (Clemency Advisory Panel), טוט גאווערנער Hochul (האקול) שענקען פארדענס פאר 13 מענטשן.

**פארדאנס**

די מענטשן וועלכע האבן באקומען א פארדען האבן אלע געלעבט לעבנס וואס זענען פריי פון פארברעכנס פאר א באדייטנדע צאל יארן — און אין פילע פעלער עטליכע צענדליגע יארן — און האבן ארויסגעוויזן פאזיטיווע ביישטייערונגען צו זייערע קאמיוניטיס. עטליכע פון די היינטיגע פארדען געניסער זענען פאר'משפט געווארן פאר א פארברעכן בשעת'ן וואוינען אין ניו יארק סטעיט, אבער האבן זיך זייט דענמאלס שוין אריבערגעצויגן צו אנדערע סטעיטס. די לעבנס פון די מענטשן וועלכע האבן באקומען פארדענס זענען ווייטער אפעקטירט געווארן צוליב זייערע קרימינאלע רעקארדס. די גאווערנער'ס פארדאנס וועט העלפן פארגרינגערן די שוועריגקייטן.

Theodore Goodman (טיעדאר גודמען), 43, איז פאר'משפט געווארן פאר'ן פארמאגן קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Possession of Controlled Substance) אין די פיפטע דעגרי אין 2003.

Hansel Dorsey (הענסעל דארסי), 64, איז פאר'משפט געווארן פאר די קרימינאלע פארקויפונג פון קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Sale of Controlled Substance) אין די פערדע דעגרי און פאר פראבירן צו קרימינאלערהייט פארמאגן קאנטראלירטע סובסטאנצן (Attempted Criminal Possession of Controlled Substance) אין די זיבעטע דעגרי אין 1991 און 1988.

Maryann Smith-Jackson (מעריען סמיט-דשעקסאן), 65, איז פאר'משפט געווארן פאר די קרימינאלע פארקויפונג פון קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Sale of Controlled Substance) אין די דריטע דעגרי אין 1989.

Stephen Gary (סטעפען גערי), 56, איז פאר'משפט געווארן פאר קרימינאלערהייט פארמאגן קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Possession of Controlled Substance) אין די דריטע דעגרי אין 1993.

Ernesto Muñoz (ערנעסטאו מוניאז), 58, איז פאר'משפט געווארן פאר פראבירן צו קרימינאלערהייט פארמאגן קאנטראלירטע סובסטאנצן (Attempted Criminal Possession of Controlled Substance) אין די דריטע דעגרי און פאר די קרימינאלע פארקויפונג פון קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Sale of Controlled Substance) אין די פיפטע דעגרי אין 2005.

Frank Merola (פרענק מעראולע), 52, איז פאר'משפט געווארן פאר די קרימינאלע פארקויפונג פון קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Sale of Controlled Substance) אין די פערדע דעגרי אין 1997.

Ruben Abreu (רוביען אברעיאו), 61, איז פאר'משפט געווארן פאר די קרימינאלע פארקויפונג פון קאנטראלירטע סובסטאנצן (Criminal Sale of Controlled Substance) אין די דריטע דעגרי אין 2001, און פאר'ן נישט אויספאלגן בעיל באדינגונגען (Bail Jumping) אין די ערשטע דעגרי.

Jimmy Jean-Baptiste (דשימי דשאן-בעפטיסט), 42, איז פאר'משפט געווארן פאר'ן אונטערצינדן א פייער (Arson) אין די פערדע דעגרי אין 2008.

Giovanni Ordonez (דשיאוואני ארדאוניעז), 60, איז פאר'משפט געווארן פאר א רויבעריי פרואוו (Attempted Robbery) אין די דריטע דעגרי און פאר קרימינאלערהייט פארמאגן גערויבטע פארמעגנס (Criminal Possession of Stolen Property) אין די ערשטע דעגרי אין 1988 און 1986.

Hector Zelaya Quinonez (העקטאר זעלייע קיניאונעז), 65, איז פאר'משפט געווארן פאר קרימינאלע וואנדאליזירונג (Criminal Mischief) אין די פערדע דעגרי און פאר פראבירן צו קרימינאלערהייט

פארשאפן געווער (Attempted Criminal Possession of a Weapon) אין די דריטע דעגרי אין 1986 און 1984.

Susannah Morgan-Thomas (סוזענע מארגען-טאמעס), 60, איז פאר'משפט געווארן פאר ווילדע איבערפאל (Assault) אין די דריטע דעגרי אין 1989.

Zhi Yong Yu (דזי יאנג יוא), 49, איז פאר'משפט געווארן פאר רויבעריי (Robbery) אין די צווייטע דעגרי אין 1992.

Sammy Vatthanavong (סעמי וועטענעוואנג), 52, איז פאר'משפט געווארן פאר מענסלאטער (Manslaughter) אין די ערשטע דעגרי אין 1990.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן